LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפטן




ייִדישע דיכטערין

## רבקה באַסמאַן בן-חיים

פּאָרטרעט געמאָלט
פון מולה בן-חיים

Rywka
BASMAN
BEN-HAYM
(Israël)

n° 132

JANVIER 2009 יאַנואַר

prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation Mémoire de la Shoah

מאַרעק האַלטער לעבט אין פּאַריז. ער איז אַ באַקאַנטער שרײַבער, פילם-רעזשיסאָר און אַ מאַלער. זײַן מאַמע, פּערל האַלטער, איז געווען אַ יידישע דיכטערין וואָס איז געווען זייער אַן אַקטיווע אין די קולטור-קרייזן אין פּאַריז. מאַרעק האַלטער, וואָס רעדט אַ פּרעכטיקן ייִדיש, האָט אויפגענומען דעם פּסיכאָאַנאַליסט, לאַורעאַט פון מאַקס-צוקערמאַן פּרייז פאַר ייִדיש, מאַקס קאָהן. מאַרעק האַלטער איז מחבר פון אַ סעריע געשיכטעס וועגן פרויען, אָנוועזנדע אין דעם תנ"ך. מאַרעק האַלטער איז נישט בלויז אַ בעליטריסט, אַ פּראָזאַיִקער, ער זאָגט זיך אַרויס עפנטלעך און קריטיש וועגן די פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען וואָס דראָען דער מענטשהייט אין דעם הײַנטיקן יאָרהונדערט.

ק. ה.

# מאַרעק האַלטער, דער מחבר פון מלכּת-שבע

**Marek Halter, "La Reine de Saba",**

Robert Laffont, Paris 2008.

**אינטערוויו אויפגענומען פון מאַקס קאָהן**

(צונויפגעשטעלט פון ק.ה.)

**מאַקס קאָהן :**

**איך האָב הײַנט אינדערפרי פאַרענדיקט אײַער בוך און כ'בין געווען צופרידן, אַז צום סוף האָבן שלמה און שבע זיך זייער שטאַרק ליב געהאַט. פון וואַנען האָט איר גענומען דעם געדאַנק צו באַשרײַבן די דאָזיקע געשיכטע?**

**מאַרעק האַלטער :**

ערשטנס האָב איך ליב פרויען. זי איז געווען אַ פּרעכטיקע פרוי; צווייטנס בין איך אַ קעמפער קעגן ראַסיזם און מלכּת-שבע איז אַ שוואַרצע. אָבער די גרעסטע מאָלער ווי טינטאָרעטאָ אָדער וועראָנעזע האָבן זי געמאָלט ווי אַ ווײַסע. אַלע קענען "שירי שירים" ווו זענען באַשריבן די דיאַלאָגן שמלמה המלך און מלכּת-שבע דאָס הייסט אַ ליבע מיט אַ שוואַרצער פרוי. מען לייענט אינעם ווערק : "איך בין פּרעכטיק, איך בין שוואַרץ!". און איך האָב געפונען אַן אַנדער איבערזעצונג: "איך בין פּרעכטיק, אָבער שוואַרץ!" איך האָב אָנגעהויבן צו פאָרשן די טעמע. כ'בין געפאָרן קיין עטיאָפּיע. אַויב פאַר אונדז "שירי שירים" איז ליטעראַטור, פּאָעזיע, פאַר די 80 מיליאָן עטיאָפּער איז דאָס געשיכטע, זייערע געשיכטע.

ס'איז נישט בלויז דער ענין פון די "פאַלאַשא". דער ערשטער קעניג פון עטיאָפּיע איז געווען דער זון פון שלמה און שבע : מענעליק. אויך בײַ קריסטן האַלט מען, אַז זיי זענען האַלבע ייִדן און אין די קירכעס געפינען מיר אַ מגן-דוד. דאָס אַלץ איז געווען גענוג, כ'זאָל שרייבן וועגן דער מלכּת-שבע.

**אין אַן אינטערסאַנטן אַרטיקל אין דער פראַנצויזישער פּרעסע וועגן באַראַק אָבאַמאַ, וואָס איז האַלב שוואַרץ און האַלב ווײַס. דאָס האָט אַ שייכות מיט שבע המלכּה?**

דער ניי-אויסגעוויילטער פּרעזידענט האָט אַ מאַמע וואָס איז ווײַס; זײַן פאָטער איז געווען אָפּשטאַמיק פון קעניאַ וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דער עטיאָפּישער אימפּעריע. אָבאַמאַ איז דער ערשטער שוואַרצער אין "ווײַסן הויז".

**אין אײַער בוך "מלכּת-שבע" שרײַבט איר, אַז שלמה המלך באַקלאָגט זיך אַז ער באַהערשט נישט די צײַט; אײַער לעבן איז אַ גאַנצע מגילה : באַהערשט איר אײַער לעבן?**

ניין, איך באַהערש אויך נישט מײַן צײַט. אַזוי ווי אַלע מענטשן ווער איך עלטער. אַזוי גוט ווי שלמה המלך אין קהלת, שטעל איך פאַר זיך די זעלבע פראַגעס : ווי לאַנג וועל איך נאָך לעבן?... איך האָב אַ סך פּראָיעקטן...

**וועלכע זענען די פּראָיעקטן? און צווייטנס, ווי אַלט זענט איר?**

איך בין בײַ 72 יאָר (קיין עין-הרע) און כ'וואָלט געוואָלט דערלעבן שלום אין ישראל. איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט אָרגאַניזירט (שוין מיט 30 יאָר צוריק) צוזאַמענטרעפן צווישן ישראלים און פּאַלעסטינעזער. דאָ, אין מײַן וווינונג, ווו איר זעצט, האָבן זיך געטראָפן, צום ערשטן מאָל, יאַסער אַראַפאַט

←



Marek HALTER. Photo : Max Kohn.

און שמעון פרס. ישראל האָט 60 יאָר און וואָס זענען 60 יאָר אין דער אַלגעמיינער געשיכטע? - גאָרנישט! נאָר בײַ אונדז איז דאָס אַ גאַנצער לעבן, וויל איך דערלעבן סוף-כּל-סוף דעם היסטאָרישן מאָמענט.

כ׳בין געווען דער ערשטער וואָס איז געפאָרן קיין דמשק זיך טרעפן מיט באַשאַר-על-אַסאַד, מען האָט מיר שאַרף קריטיקירט אין דער פּרעסע, אין די ראַדיאָס, אין ישראל, אין פראַנקרײַך. קוקט וואָס ס׳פּאַסירט היינט : ישראל, אַמעריקע, אייראָפּע און דער פראַנצויזישער פּרעזידענט סאַרקאָזי שטייען אין אונטערהאַנדלונגען מיט סיריע : ס׳דאַרף שטענדיק געפינען זיך דער וואָס איז דער ערשטער וואָס מאַכט דעם ערשטן טריט. איך האַלט זיך בײַם פּרינציפּ, אַז מען פירט אונטערהאַנדלונגען בפרט מיט די שונאים.

דער עיקר דאַרף איך נאָך שרײַבן.

**ווייפל ביכער האָט איר שוין געשריבן?**

נישט קיין סך, 22 אָדער 23 ביכער, כ׳ווײַס נישט גענוי. און איך טראַכט וועגן אַ גרעסערן בוך וואָס זאָל דערציילן **די געשיכטעס פון דעם יִדישן פאָלק.** ווײַל עס זענען דאָ בײַ אונדז אַ סך געשיכטעס. נאָך עטלעכע ביכער און איבערהויפּט דאָס לעבן פון דער ערשטער פרוי פון מאַהאָמעט וואָס איז געווען ווי מען זאָגט עס הײַנט, אַ פרײַע פרוי. זי האָט אים אַ סך געהאָלפן אין שאַפן דעם "קאָראַן". דאָס וואָלט געווען זייער אַ וויכטיקער ענין כּדי די מוסולמענער, פרויען און מענער, זאָלן זיך באַקענען מיט דער גרויסער פיגור פון כאַדיזשאַ. זי האָט אים געהאָלפן צו איבערשרײַבן דאָס וואָס ער האָט רעציטירט ווײַל "קאָראַן" מײַנט רעציטאַציע. און דאָס קען ווערן אַ "רעוואָלוציאָנער" בוך פאַר די - איבער אַ מיליאַרד - מוסולמענער אין דער וועלט. לויט מיר, די שנאה האָט אַן איינציקע סיבה : די מענטשן זענען נישט באַקאַנט אין זייערע אייגענע געשיכטע.

**און איר קענט יאָ אייערע געשיכטע?**

נישט אין גאַנצן, נאָר גענוג כדי צו דערציילן די געשיכטע מענטשן וואָס קענען זי בכלל נישט.

**וואָס איז שטאַרקער, דער טויט אָדער דאָס לעבן?**

דער טויט איז שטאַרקער ווייל דערנאָך עס פּאַסירט מער גאָרנישט. אָבער דאָס לעבן איז דאָס איינציקע וואָס איז וויכטיק פאַרן מענטש און וואָס האָט נישט קיין פרײַז איז דאָס לעבן.

■